ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מעשה נורא

מר' שמואל

אמסטערדאמער

אידיש

**58**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

# מעשה נורא

פון

## ר' שמואל אמסטערדאמער

מיט זיין ווייב **שרה** די צנועה

פון דער מעשה קאן מען זיך אראפ נעמען א מוסר אז א מענשט טאר ניט זיין קיין מתרעם הלילה אנטקעגען גאט ב"ה נאר דער מענטש זאל נאר האבען דעם בטחון צו גאט וועט אים השי"ת העלפין.

ארוים גיגעבען

פון ה"ץ.

**נאכדרוק שטרענג פערבאטען.**

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק פונק נ"י

בווילנא

אין דער גרויסער שטאט אמסטערדאם הט געוואוינט אגעוויסער מאן וועלכער מען האט אים גירופען ר' שמואל איידיל מאן. אונ ער איז געווען איין גרויסער סוחר אונ איין פרומער מאן, ער איז געזעסין יום ולילה על התורה ועל העבודה אונ זיין ווייב האט מען גירופען שרעלע דיא צנועה זיא איז שטענדיג געזעסין אין געוועלב אינ איז געווען איין גרויסע אשת חיל אונ איז אויך געווען איין גרויסע בעל צדקה געוועזין. ר' שמואל האט אזוי אפ געוואוינט מיט זיין ווייב שרעלע איין ערך פון צוואנציג יאר אונ זיא האבען קיין קינדער ניט גיהאט זייא פלעגין אופט וויינען אונ קלאגען אז זייא פלעגין זיך דער מאנען אז זייא האבען ניט קיין יורש. אויך פלעגין זייא זייער פיל צדקה געבין אז דער אייבערשטער זאל זייא מזכה זיין מיט אזון. נאר עס האט זייא ניט געהאלפען.

הכלל מען קאן פאר שטיין דיא יסורים וואס ר' שמואל מיט זיין ווייב שרעלע האבען גיהאט דער פון וואס זייא האבען קיין קינדער גיהאט! פעם אחת! איין מאל אום פרייטאג פאר נאכט איז ר' שמואל געזעסין איינער אליין אין בית המדרש אונ האט אריין גיקוקט אין איין ספר אונ איז אנטשלאפען געווארען קומט אים צו חלום איין אלטער זיידע זיין אייניקער. אונ זאגט צו אים בזה הלשון מיין קינד וואס ביסטו אזוי פאר זארגט. ר' שמואל הייבט אן זייער שטארק צו וויינען אונ זאגט זיידע פאר וואס זאל איך דען ניט זיין פאר זארגט וואס קומט מיר ארוס פון מיין גרויס עשירות וואס איך האב. אז איך וועל שטארבען ווער וועט דאס ירשענען. ענטפערט אים דער זיידע דו זאלסט וויסען מיין קינד אז דיינע טרערין זענין פאר נומען געווארען פר השם יתברך בק זאלסט וויסען דו ביסט געבארען געווארען אז דוא זאלסט קיין קינדער ניט האבין ווייל דוא וועסט לעבין נאר כעת איז ארויס דער פסק פון דעם הימעל זוייב דו ווילסט האבין אזון וועסטו אן ווערין דיין גאנצע געלט מיט דיין גאנץ עשירות אונ וועסט קומען אויף כפר לחם. אונ מען האט מיך גישיקט מן השמים איך זאל דיר דאס מודיע זיין. ע"כ באקלער זיך וויא אזוי דוא ווילסט בעסיר. ר' שמואל האט זיך זייער דער שראקין אונ איז געווארען צוא מישט ער ווארט אביסעל. אונ רופט זיך אן צום זיידען איך וויל ליבערשט האבען אזון; דער זיידי האט זיך געזעגינט מיט אים. ויקץ והנה חלום. ער כאפט זיך אויף עס איז נאר א חלום. ער

לויפט תיכף אהיים אונ דער צילט זיין ווייב שרעלע דעם גאנצין חלום עס ווערט זייער אגרויס געוויין מיט אגרויסע פרייד. פרייליך ווענין זייא דער מיט וואס השי"ת וועט זייא מזכה זיין מיט איין זון. טרויעריג זאגין זיי אז זייא דער מאגען זיך אז זיי וועלין דארפען קושען אויף כבר רחם נאר אבער וואס העלפט דאס עס איז ש"ין פר פאלען ער האט שוין אויף זיך מקבל געוועזן דעם פסק מן השמים! והגיע עת קבלת שבת ווייא עס איז גיקומען דיא צייט מען זאל מקבל שבת זיין איז ר' שמואל גיגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין אונ זיין ווייב שרעלע איז אויך גיגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין. ואחר התפלה הלכו לביתם בשמחה גדולה. אונ נאך דעם דאוונין זאגען זייא גיגאנגען אהיים זייער פרייליך אונ ר' שמואל האט גימאכט קידוש אונ האבען זיך גיזעצט עסין אונ האבען גיפראוועט זייער אפרייליכען טיש כמנהגו בכל שבת אזוי ווי זייער מנהג איז געוועזן כלל שבת:

ווייא עס איז אוועק גיגאנגען איין ערך פון דריי חדשים איז שרעלע מעוברת גיווארען. איך קאן אייך אזוי פיל ניט ארויס שרייבען דיא פרייד וואס אויף דעם פאר פאלק איז גיווארען אז זייא האבען גיזעהן אז שרעלע איז מעוברת געווארען צו מזל. אבער ווייא גרויס איז געווארען דאס גיוויין אז זייא האבען זיך אן גיהויבען דער מאנען אז זייא וועלין דארפען אן קומען אויף כבר רחם.

ויהי כי עברו תשעה חדשים וילדה בן זכר. אונ ווייא עס איז אויס געגאנגען ניין חדשים האט אונזער שרעלע צו מזל גיהאט איין יונגל זייער איין שיין קינד. ר' שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך זייער גיפרייט מיט דעם קינד אונ מען האט גינומען תיכף מען האט אן גיהויבן מכין זיין אלדינג וואס מען דארף צום ברית ווי'א עס איז גיקומען דער טאג פון דעם ברית האט מען גיטראגען דאס קינד אין שול אריין אונ דער חזן האט גיזונגען ברכות אונ מען האט אן גיצונדען זייער פיל ליכט אין שול. נאך דעם דאוונען האט דער סנדק גינומען דאס קינד אויף דיא הענט אונ מען האט דאס קינד מל גיוועזן דער נאך האט מען גיג מען דאס קינד אונ מען האט דאס גיטראגין אהיים יעדער גיט אפ מזל טוב. ער איז נעבעך זייער טרויעריג דיא טרערין גיהען אים פון דיא אויגען ווייא זייא גייען נעבעך פון דער שול לויפט דער משרת אנטקעגין אונ טראגט אים אבריף ר' שמואל עפינט דיא בריף שטייט דארט איר זאלט וויסין מיין ליבער בעל הבית ר' שמואל אזוי ווייא איך בין פון אייך אוועק גיפארין מיט געלט קיין לייפציג אונ האב גאט צו דאנקען גיקויפט זייער שיינע סחורה במקח השוה ולסוף בין איך בעת גיקומען אויף א שטאציע ניט ווייט פון אמסטרדאם האט זיך ביי נאכט אן גיצונדען די

קרעטשמע און עס איז פאר ברענט געווארען די בריקעס מיט סחורה און אויך איך אליין בין קאם אנטלאפען געווארען פון דעם פייער . וויא ר' שמואל האט איבער געלייענט דעם בריף איז ער חלשות געבליבען . מען האט אים קאם אויף געמונטערט עס איז געווארען א גרויס געוויין מיט א גרויסע קלאג . נאר עס איז דאך אבער געווען מענטשין אויף דעם ברית וויא האבען ר' שמואלין געטרייסט . עס האט אבער ניט געהאלפען זייער טרייסטען ווארום ער האט זיך געביך געוואוסט וויא אזוי זיין סוף וועט נאך זיין פיל ערגער .

הכלל וויא עס איז געקומען נאך דעם ברית . האט מען גידארפט פארין קיין ליפסיג נאך סחורה . האט אונזער ר' שמואל גענומען וויא פיל געלט ער האט נאך געהאט . און איז געפארין קיין ליפסיג . ער האט זיך זייער שיין געזעגינט מיט זיין ווייב שרעלע און מיט דעם קינד און איז זיך בשלום אוועק געפארין קיין ליפסיג . ער איז אזוי אוועק געפארין עטליכע טעג זייער גליקליך ויהי ביום השלישי וויא עס איז געקומען דעם דריטען טאג האט זיך דער הימעל זייער פאר חמארעט און עס האט אן געהויבען זייער שטארק צו דונערין און צו בליצען . עס איז אזו געווארען פינצטער מען האט ניט געזעהען וויא צו פארין ר' שמואל מיט דעם בע"ג האבען זיך זייער דער שראקן . אבער וואס העלפט דיא שרעק עס איז פאר פאלין מען מוז פארען , הכלל זייא זענען אזו אפ געפארן ערך פון דריי אדער פיר שעה ביז זיי זענען אריין געפארען אין איין גידיכטען וואלד און זענען געבליבען שטיין . עס איז שוין ניטא קיין שום שטעג זענען זייא געבליבען שטיין אויף דעם ארט לעבין איין בוים וויא עס איז נאר וואס ליכטיג געווארען די חמארע איז אראפ פון דעם הימל איז צו געגאנגען איין רויבער און האט גענומען ר' שמואל מיט דעם בע"ג מיט דיא פערד און האט זיי צו געפירט צו זיין אייל וואס ער האט געוואונט דארט , אזו האט ער תיכף גיהרגעט דעם בע"ג און בייא ר' שמואל האט ער תיכף צו גינומען דאס גאנצע געלט וואס ער האט גיהאט און האט אים גיוואלט הרגנען האט ער אן גיהויבען זייער וויינען און צו בעטין זיך בייא זיים הכלל דער גזלן האט אויף אים רחמנות גיקריגען און האט אים גישענקט זיין לעבין נאר באופן ער זאל זיין ביי אים איין משרת . הכלל ר' שמואל מיט דעם גזלן האבען זיך גיזעצט עסין איר קאט פר שטיין מיט וואס פאר איין פר ביטערט הארץ אונזער ר' שמואל איז געביך גיזעסין און האט גיגעסין מיט דעם רובר נאר וואס קאן ער דא בעסער מאכען מה דעבד רחמנא לטב עבד ווי זיי האבען דא אפ גיגעסין איז זיך דער גזלן אוועק גיגאנגען און ר' שמואל איז גיבליבען איינער אליין אין דער הייל . ר' שמואל הייבט אן צו זוכען איין ארט ערגיץ ער זאל קענען ארוס פון

דער

דער היל. עס איז אָבער גאר אום זונסט זיין זוכען. ער האט זיך ווייטער
גוט אום געוויינט פאר השם יתברך ניט גינוג וואס איך בין אזו געשטראפט
געווארין איך האב שוין אן געווארין מיין געלט אונ מיין ליב קינד וועה איך
אויך ניט פאר מיינע אויגין. אזו איז ער געוועזן אין דער היל איין ערך
פון איין האלב יאר ווען דער רובער פלעגט קומען צו אים אין דער היל
פלעגט ער אים באדינען אונ געבין אים צו עסין נאך דעם עסין פלעגט
דער רובער אוועק גיין אהיים.

ויהי כי ארכו הימים וויא עס איז גיקומען אין איין צייט ארום האט
זיך ר' שמואל אן גיהויבען צו באדויערען זיין ווייב שרעלען מיט זיין קינד
האט ער געביך ווייטער שטארק אן גיהויבען צו וויינען אונ קלאגן מיט
יאמירליך געוויין ביז ער איז געביך אנטשלאפען געווארען אזו איז אים
גיקומען צו חלום זיין עלטער זיידע וואס ער האט אים פריער גיזעהן
(אזו וויא אויבען שטייט) פרעגט ער אים ווייטער מיין קינד וואס וויינסטו
אצונד. ער ענטפערט אים זיידע פאר וואס זאל איך ניט וויינען אז מיין
עשירות האב איך שון אן געווארין אונ מיין קינד וועה איך ניט אונ דער
צו בין איך נאך אצונד אין אזו איין עת צרה. רופט זיך אן צו אים דער
זיידע זארג ניט מיין קינד השם יתברך וועט דיר נאך העלפין מיט עשירות
אונ זאלסט וויסען אז אי"ה אין איין גיבער צייט וועסטו גיהאלפין ווערין
פון דעם רובר. דער ווייל איז דער רובער גיקומען אין דער היל האט
זיך ר' שמואל אויף גיכאפט. דער רובער שרייט אויף ר' שמואל פאר
וואס ער האט ניט פארטיג גימאכט דאס עסין. אבער ר' שמואל שווייגט
געביך ער לופט גישווינד אונ האט אפ גיקאכט דאס עסין אונ דר לאנגט
דעם רויבער דאס עסין. ווי דער רויבער האט גינומען עסין פלייש האט
ער אריין גיכאפט איין גרוסען ביין אונ איז דער וואָרגען געווארען. דיא
שמחה וואס אויף ר' שמואל איז געווארען אז ער האט גיזעהן דער רויבר
ליגט שוין טויט. קען מען שוין אליין פר שטיין. הכלל ר' שמואל האט אן
גיהויבען גיין פון איין חדר אין דעם אנדערין ער האט זיך צו נויף גינומען
אשיין ביסעל גאלד אונ זילבער אונ בריליאנטען אונ דימאנטען אונ איז
זיך בשלום אוועק פון דער היל מיט גרויס עשירות וויא ר' שמואל איז
ארויס גיגאנגען פון דער היל. האט ער אן גיהויבען גיין גלייך מיט איין
שטעשקי ער איז אזו אוועק גיגאנגען עטליכע טעג מיט עטליכע נעכט
ביז ער איז גיקומען צו איין שטאט זייער איין פיינע שטאט ער איז זיך
גלייך אריין גיגאנגען אין שול אריין. האט ער זיך באלד גינומען איין ספר
אונ האט זיך גיזעצט לערנען (ישראל בני רחמנים) יודין האבען זיך באלד
רחמנות איינער רופט אים אויף איין איבער ביים אונ איינער רופט אים
אויף איין מיטעגם. אזו האט זיך פאטירט מיט ר' שמואל די גאנצע וואך

וויא ער איז געקומען פרייטאג האט דער שמש אוועק געשיקט ר' שמואלין צו איין גרויסען עושר ער זאל ביי אים עסין פרייטאג מיט שבת דר עושר האט אנטפאנגען ר' שמואלין מיט גרוס כבוד אזו ווי איין אורח הגון קומט ווי עס איז געקומען די צייט פון דעם עסין איז ר' שמואל זיך געגאנגען וואשען האט ער אנידער געלייגט זיין זעקיל מיט די בארילאנטען אונ מיט די דימאנטען קעגין זיך· האט דער עושר אמאל געטאן אין דעם זעקיל ער זעהט עס איז עפים דא סחורה ער מאכט זיך גאר ניט וויסינדיג· ר' שמואל האט זיך געוואשין אונ דער עושר אויך זיי האבן אפ געגעסין· אח״כ זאגט דער עושר נא ר' שמואל לאמיר גיין אין מרחץ לכבוד שבת ר' שמואל ענטפערט איך קאן ניט גיין· דער עושר פרעגט אים פר וואס ער ענטפערט איך מוז אכטינג געבין אויף מיין זעקיל· דר עושר פרעגט אים וואס ליגט דען דארט· ער ענטפערט אים עס ליגט דארט מיין טלית ותפילין מיט א צווייא העמדער אין עטליכע גראשען מינץ ווארום ר' שמואל האט זיך געקלערט ער וועט מוצאי שבת אוועק פארין אהיים רופט זיך אן דר עושר לייגט דאס אנידער ביי מיר אין שפאלניע עס וועט חלילה קיינער ניט נעמען· הכלל ר' שמואל האט דעם עושר ניט געקאנט פר זאגין ער האט דאס אנידער געלייגט ביי דעם עושר אין שפאלניע זיי זענען געגאנגען ביידע אין מרחץ דער נאך זענען זייא ביידע געגאנגען דאווענען זיי זענין געקומען פון דעם שול זייער פרייליך ביי דעם עסין דער עושר בעט אים זייער עסט· רבי שמואל האט ניט קיין יסורים אייער זעקיל וועט חלילה קיינער ניט אוועק גנבנען ווי מען האט דארט ערגיץ אום געבעט אניעגיר פר רבי שמואלין אונ ער איז נעביך זייער געשמאק אנטשלאפען געווארן ווי עס איז געקומען ביי נאכט האט דר עושר צו גערופן זיין ווייב אונ זיי האבען געעפינט דעם זעקיל רבי שמואלס זיי טועין אקוק עס איז דא זייער פיל געלד אונ זילבער אונ בארליאנטען אונ דימענטין עס באטרעפט דרייא מאל אזו פיל וויא פיל וויא פאר מאגין:

הכלל גערט איז זיך אייצר הרע דעם עושרס ווייב פרעגט דעם עושר וואס האט ער דיר געזאגט ליגט דא אונ זעקיל ער ענטפערט איר· דער ארומאן האט מיר געזאגט עס ליגט איין אלטע קאפיטע מיט צווייא העמדער מיט איין טלית ותפילין מיט אפאר גראשן· דער עושר מיט דעם ווייב האבען ארום גינומען דס געלד אונ זילבער אונ די בארלאנטען מיט דיא דימענטין אונ זיי האבען אריין געלייגט איין אלטען קערדיט מיט צווייא העמדער מיט צווייא ניידין איינציגע גראשען אזו ווי דער רבי שמואל האט געזאגט פר דעם עושר· אונ זיי האבען פר ביטען דס זעקיל אזו ווי פריער אונ האבען זיך געלייגט שלאפען מיט גרוס פר גינוגין· ויהי ערב

ויהי

ויהי בוקר. עס איז טאג געווארין רבי שמואל איז זיך באלד גיגאנגען אין שול אריין אונ האט זיך גיזעצט לערנען והגיע עת התפלה עס איז גיקומען די צייט פון דאווענען איז דער עושר מיט דעם ווייב אויך גיגאנגען דאווענען דער עושר נעמט ארויף רבי שמואל לעבין זיך אובין אן אינ עס איז גיקומען צום לייענען הייסט דער עושר רבי שמואלין אויף רופין אחר התפלה גייען זיי אהיים אונ מען זעצט זיך צום טיש עסין ביי דעם עסין דער עושר רוקט אים אלע מאל אונטער א גישמאק גלעזיל וויין ר' שמואל טרינקט אונ איז זייער לוסטיג ביי זיך ערשטינס וואס השי"ת האט אים גיהאלפען ער האט שוין אזון צו מזל אין דער היים אונ עשירות וועט ער שוין אויך האבין ער קלערט גאר ניט אז השי"ת הייסט מען זאל זיין א קבצן העלפט גאר קיין שום זאך ניט. הכלל דער עושר האט אים אן גיטרונקען מיט זייער פיל וויין ביז ער איז אנטשלאפען גיווארען ביא דעם טיש זייער געשמאק. דער עושר מיט דעם ווייב גייען ווידער אריין אין ספאלניע אונ באטראכטען די בארליאנטען מיט די דימענטען זייא פרייען זיך זייער מיט דער מציאה. וואס דען זאגין זייא איין ארומאן בארף דאס ער וועט דאס נאך ערנייען פר שיכערין.

הכלל עס איז דער ווייל נאכט געווארען רבי שמואל איז אויף געשטאנען עס איז שוין שפעט אין דער נאכט זייא שטעלין זיך דאווענען מעריב רבי שמואל מאכט הבדלה אונ גייט זיך אריין צו דעם עושר גיזעגנען דער עושר נעמט ארויס א גילדין אונ שיינקט אים ער דאנקט אים דער פאר אונ וויל ביי אים ניט נעמען דעם גילדין אונ זאגט אים בעל הבית לעבין עפינט מיר דיא ספאלניע איך וועל מיר נעמען מיין זעקיל איך וועל נייך שענקין איין מתנה פאר דעם שבת וואס איך האב גיגעסין ביי אייך ער גייט אריין אין ספאלניע רבי שמואל עפינט אויף דאס זעקיל ער בלייבט חלשות דער עושר מיט דעם ווייב פרעגין אים אפשר גייט אייך אפ עפיס א קאפאטע אדער א העמד איך וועל אייך געבען אבעסערס ווי א אייערס. ער חלשת ווייטער הכלל מען האט אים קאם דער מינטערט. האט ער נעביך זייער אן גיהובען צו וויינען אונ שרייען מיט איין יאמערליך גיוויין עס האט אים אבער גאר ניט גיהאלפין דער עושר האט אים גיהייסין ביי נאכט ארויס טרייבען פון דער שטאט. ווארום דער עושר האט פאר יעדען דער ציילט אז ער האט אנידער גילייגט א זעקיל מיט אמערדיט מיט צוויי העמדער מיט א טלית ותפילין. היינט שרייט ער אז עס איז גילעגין בארליאנטען מיט דימאנטען איז ער דאך איין אמתר גנב ע"כ האט אימליכר גיזאגט אז דער עושר איז גירעכט מען האט אים ביי נאכט ארויס גיטריבען פון דער שטאט אפילו מענטשין האבען אים נעביך נאך גוט אן גישלאגין.

הכלל

הכלל מען קען שוין פר שטיין מיט וואס פאר א שמערץ ר' שמואל איז אוועק גיגאנגען פון דעם שטעטיל. ר' שמואל האט זיך געביך גי בטינט די נאכט אונטער דער שטאט ביז עס איז טאג געווארען ווי עס איז גיקומען אין דער פריא זענין אדורך געגאנגען עטליכע ארומע לייט ווי ר' שמואל האט זיי דער זעהן איז ער צו גיגאנגען צו זייא אונ האט זייא גיבעטין זיי זאלין אים מיט נעמען אין קאמפאניע אזו איז גיוועזן זייא האבען אים צו גינומען צו זייא אין דער קאמפאניע אונ ער איז מיט זיי מיט געגאנגען.

אצונד לאמיר אים דא לאזין זיך אביסיל דורך גיין מיט דיא ארומע לייט אונ מיר וועלין אן הייבין שמועסין פון זיין ווייב שרה דיא צנועה מיט זיין איינציגין זון וויא אזו עס האט זיך מיט זיי גיפאסירט. גידיינק וואס מיר האבען אויבען גישמועסט אז תיכף נאך דעם ברית איז ר' שמואל אוועק גיפארין מיט דעם גאנצען געלט קיין לייפסיג. אונ אונזער שרעלע האט תיכף נאך דעם ברית אן גיהובען אריין גיין אין דיא גיוועלבער אריין אונ פירין דם גישעפט אונ וויא עס איז אוועק גיגאנגען איין קורצע צייט זענען באפאלין רויבער אויף דער שטאט אונ האבען אוועק גיראבעוועט דיא אלע גיוועלבער וואס שרעלע האט גיהאט זיא איז געבעך קאם אנטלאפען מיט דעם קינד וויא זיא איז געביך זייער מיד געווארען האט זיא זיך גיזעצט אויף אשטיין אביסיל אפ רוען. זיא הייבט אן קלערין וויא קאן איך נעמען אויף דר הוצאה וואלט איך מיר אריין גיפארען אין דעם שטעטיל אונ וועל ווארטען ביז מיין מאן וועט פארען פון לייפסיג ערשטענס וועל איך אים מציל זיין מיט דער סחורה אונ אנדערען וועלין מיר זיך בקלערין עפים איין עצה וויא מיר זאלין זיך בזעצין. אמת עס איז טאקע אויף אונז נגזר געווארען אז מיר וועלין האבין איין זון זאלין מיר קומען אויף כבר לחם איך זעה דאך אז עס שלעפט זיך שוין דם שלים מזל נאר אפשר וועט אין אונז מקוים ווערין משנה מקום משנה מזל. אזוי איז זיא גיזעסין אונ האט גיקלערט. דער ווייל האט זיא זיך דער מאנט איך האב זיך נאך ביי מיר א פאר אורינגליך דימאנטענע איך וועל זייא אין דעם שטעטיל פאר קויפען וועל איך דער ווייל האבין אויף דער הוצאה ביז מיין מאן וועט דא אדורך פארין. זיא האט זיך אויף גיהאפט פון דעם שטיין אונ נעמט דאס קינד אויף די הענט אונ גייט מיט דעם קינד גלייך אין דעם שטעטיל אריין זיא האט פאר קויפט דיא אורינגליך אונ איז דארט גיזעסין אין דעם שטעטיל ביז זיא האט דאס געלט פון דיא אורינגליך אויף גיגעסין אונ איר מאן האט זיא ניט אונ זעהט ניט. הכלל זיא האט פאר קויפט פון זיך אלע מלבושים אונ האט אויף

גיגעסין

געגעסען דאס געלט ביז זיא האט שון פאר קויפט דעם לעצטען שלאפריק פון זיך זיא האט זיך איין גירעט איר מאן איז אוודאי גיהרגת גיווארן על הדרך אונ מיט איר אליין איז גיקומען דיא צייט זיא זאל אן הייבען גיין אין די הייזער דאס קינד איז דער ווייל אלט געווארען דריי יאר איז זיא געגאנגען אונ האט זיך גישטעלט אין דער פרעמד פאר איין דינסט אונ דאס קינד האט זיא אוועק געגעבען אין איין חדר. זיא איז זיך נעביך גיוועזען איין דינסט אונ דאס קינד פלעגט גיין אלע טאג צו דר מיטער · הכלל דם קינד איז געווארען גאר פר לייזט ווארום די מוטער הט זיך קיין צייט נים געהאט אכטונג געבין אוף אים · הכלל דם קינד האט בעקומען איין אום ריינע קאפ איבר די אויגען אז קיינער האט אים נים געוואלט אריין לאזין אין קיין שום שטוב אריין נעכטיגין ר׳ צו ליב אים האט מען די מוטער אויך נים געוואלט אריין לאזין אין קיין שום שטוב. דיא מוטער הט זיך נעביך זייער גוט אוים געוויינט אונ האט גענומען דם קינד אונ איז מיט אים אוועק פון דער שטאט אין איין אנדער שטאט ביז זי איז געקומען מיט אים אין איין שטאט וום עם איז דארט געווען איין ישיבה. אזו איז שרעלע אריין געגאנגען גליך צום ראש ישיבה אונ הט אן געהובען פר אים צו וויינען אונ הט אים דער ציילט די גאנצע מעשה וויא אזו עם האט זיך מיט איר גיפאסירט ביז זי האט דער לעבט צו האבין דאס קינד. אונ דער ראש ישיבה האט אוף איר רחמנות געקריגען אונ הט גענומען ··· זיך דם קינד אונ האט מיט אים אן געהובען צו לערנען. אונ אונזער שרעלע הט זיך ענטשלאסען זי זאל זיך אוועק לאזין מיט ארומע לייט. אפשר וועט זי ערגיץ אפ זוכען איר מאן ר׳ שמואלין. אזו איז געווען זיא הט דם קינד איבער געלאזט ביי דעם ראש ישיבה אונ אליין איז זי אוועק מיט די ארומע לייט זי איז נעביך געגאנגען פון דארף צו דארף פון שטאט צו שטאט עם הט אזו געדוערט עטליכע יאר. ביז זיא איז אן געקומען אין דער שטאט ווי דער עושר הט געוואונט וואס ער הט צו גענומען ביי איר מאן דם נאלד אונ זילבער מיט די בארליאנטען. אזו איז זי גיבליבען אין דער שטאט מאמער וועט זי אפשר געפונען איר מאן רבי שמואל, ניהי היום הט זיך גימאכט א גרוסע שריפה אין דער שטאט אז דיא גאנצע שטאט איז פר ברענט גיווארען אונ דער עושר מיט דעם ווייב זענין אויך פאר ברענט גיווארען אזו איז דער שרעלען נעבעך זייער שלעכט געווארען זי ווייסט שוין כלל נים ווי הין צו גיין. הכלל זי הט נעבעך זייער שטארק אן גיהובען צו וויינען ביז זיא איז אנטשלאפען געווארען אזו איז איר גיקומען צו חלום ר׳ שמואלם זיידע. אונ זאגט איר מיין ליב קינד וויין נים אונ זארג נים גיי גליך צו דעם ארט נו׳

(תרש"א)

דער עושר האט געוואונט דארט וועסטו געפינען א זעקיל מיט גאלד און זילבער און בארליאנטען און דימאנטען וואס דער עושר האט צוגענומען ביי ביין מאן און זאלסט דאס נעמען צו זיך און זאלסט פון דאנען גיין אין יענער שטאט דארט וועסטו טרעפין ביין מאן ר׳ שמואל נאר זאלסט וויסען ווי אזוי זיך צו באגיין . און דער נאך זאלט איר נעמען אייער קינד פון דער ישיבה און אים דינגען א מלמד זאל מיט אים לערנען אין דער היים . ווארום עס איז שוין געקומען אייער צייט איר זאלט אויף גירעכט ווערין מיט אלעם גוטען . שרעקע האפט זיך אויף מיט גרוים שמחה זי לויפט באלד אויף דעם ארט ווי דער עושר האט געוואונט זי הייבט אן צו זוכען זי האט אזוי לאנג געזוכט ביז השי״ת האט געהאלפען . זי האט געפונ״ען א זעקיל זי עפינט דם אויף עס ליגט דארט זייער פיל בארליאנטען און דימאנטען און זייער פיל גאלד און זילבער . הכלל זי האט דם גענומען מיט גרוים שמחה און איז דער מיט גלייך אוועק אין דער שטאט ווי דער זיידע האט איר געזאגט ווי זי איז געקומען אין דער שטאט האט זי באלד פר קויפט אביסיל גאלד און איז אריין געגאנגען אין איין סטאנציע און האט זיך געמעלדירט אז זי איז א גרויסע סוחרטע . ווי די ארומע לייט האבען דער הערט א גרויסע סוחרטע איז געקומען האבען זיי אן געהויבען גיין צו איר נאך נדבות (והוא בתוך הבאים) אונזער ר׳ שמואל איז אויך געקומען נאך איין נדבה זי גיט אים איין נדבה . און האט אים נאך ניט דער קענט . זי פרעגט אים עס איז נאך דא ארומע לייט האט מען איר געזאגט עס איז שוין מער ניטא קיין ארומע לייט . זי קלערט זיך מן הסתם אז דער זיידע האט געזאגט אז ער איז דא . איז ער אוודאי דא ; ע״כ האט זי געגעבין איין בפעל צום שמש פון דער שטאט ער זאל איר ברענגען איין צעטיל פון אלע ארומע לייט פון דער שטאט . זי האט אים דער פר געגעבין איין דוקאטען און ער האט אויף געשריבען אלע ארומע לייט פון דר שטאט און האט איר געבריינגט דם צעטיל . זי לייענט איבער דם צעטיל ר׳ שמואל איר מאן שטייט אוך אין צעטיל .

הכלל זי האט געמאכט איין סעודה פר די ארומע לייט וועגין און ר׳ שמואלין האט זי אויך אהייסען בעטין אויף דער סעודה די ארומע לייט האבען געגעסין אויף דער סעודה און האבען געטרונקען זייער גינוג וויין נאך דער סעודה האט שרעלע אליין געטיילט יעדען ארומאן א נדבה . די ארומע לייט דאנקין איר זייער שיין . ווי עס איז געקומן צום סוף איז צו געגאנגען ר׳ שמואל צו איר נאך איין נדבה אזו האט זי ארוים גענומען איין דוקאטען און האט אים געגעבין ער דאנקט איר אויך זייער שיין . און וויל גאר וואס אוועק גיין זאגט זי צו אים וואס

מאכט

מאכט איר רבי שמואל איידיל מאן אונ ווס מאכט אייער ווייב שרעלע • ווי ער האט דס דער הערט האט ער אן גיהויבען צו וויינען אונ איז חלשות געבליבען ווי זי האט דער זעהן אז ער וויינט זייער אונ חלישת זייער האט זי אים אביין גינומען צו זיך אין חדר אריין אונ האט אים אום געזאגט אז זי איז דיין ווייב שרעלע זענען זיי זיך גיפאלין אוף דעם האלז איינער דעם אנדערען אונ האבען זייער גיוויינט פר גרוס פרייד זיי האבען זיך איינס דעם אנדערען דער צײלט ווי אזוי עס האט זיך גיפאסירט מיט זיי ביז אהער רבי שמואל האט זיך תיכף גיקויפט מלבושים אזוי ווי אים שטייט אן אונ זיי זענען ביידע תיכף גיפארען אין דער שטאט ווי דער ראש ישיבה האט גיוואוינט ווס זייער זון האט גילערינט ביי אים אונ זיי האבען אים גיגעבין א גרויסע מתנה אונ האבן זייער שיין באקלייערעט דם קינד אונ האבען אים גינומען צו זיך אונ זיי זענן מיט אים גיפארען גלייך קיין אמסטרדאם ווי זיי זענען גיקומען מיט אים קיין אמסטרדאם האבען זיי תיכף גידונגען גרויסע גיוועלבער אונ השם יתברך האט זיי גיהאלפען • עס האט זיי אן גיהויבען גיין די גישעפטען מיט גרוים הצלחה אונ רבי שמואל מיט זיין ווייב זענען געווארען נאך גרעסערע בעל צדקה געבערס ווי פריער אונ דם קינד האט גיקאנט לערנען אז ער איז גיוועזען איין חריף ובקי אין גאנץ תורה אונ פסוק אונ ש"ס אונ אלע מפרשים אונ איז גיוועזען קלוג אויך ער איז גיוועזען אמושלם מיט אלע מעלות אונ ווי השם יתברך האט גיהאלפען עס איז גיקומען דעם טאג ווס דם קינד האט גידארפט ווערין בר מצוה האט מען געמאכט זייער אגרויסע סעודה אונ מען האט גיטיילט ארומע לייט זייער פיל צדקה אונ רבי שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך זייער גיפרייט אונ דם קינד האט גיזאגט זייער אשיינע דרשה נאך דער בר מצוה דם קינד האט זיך ווידער גיזעצט לערנען אונ איז גיזעסין יומם ולילה על התורה ועל העבודה אונ ר' שמואל איז תיכף גיפארין קיין לייפסיג אונ האט גיקויפט זייער פיל סחורה אונ איז בשלום גיקומען אהיים מיט דער סחורה אונ עס האט אן געהויבען גיין מיט גרוס הצלחה. האבען אן געהויבען שדכנים צו רעדין אשידוך פר דעם קינדס וועגין איז רבי שמואל אליין ניט גיפעלין קיין שום שידוך עס איז אזו אוועק ניטאנגען אלאנגע צייט ביז רבי שמואל מיט זיין ווייב האבען זיך באקלערט וואס וועט זיין דער סוף מען מוז זיך פארט עפעס זעהען באטראכטין מיר זענין שון ניט קיין יונגע לייט אפשר וועלין מיר ניט לעבין אונ דאס קינד ווייסט מער ניט נאר זיצען אונ לערנען מען מוז דאך אים עפעס אן הייבען צו ווייזען ער זאל
ווערען

וועררן גיזונט וויא אַזוי צוּ פירן אַ גישעפט. אַזוי האָבען זייא גיבעטען דעם קינד ער זאָל אַריין גיין אַלע טאָג צוויי שעה אין טאָג זאָל ער אַריין גיין אין גיוועלב בכדי ער זאָל גיזונט ווערין וויא אַזוי צו פירין דאָס גישעפט. דאָס קינד האָט אַזוי גיטאָן ער פלעגט אַריין אַלע טאָג צוויי שעה אין גיוועלב אונ האָט אָן גיהויבען צו פירען דיא ביכער ביז השם יתברך האָט גיהאָלפען עס איז אַוועק גיגאַנגען אַ קורצע צייט דאָס קינד האָט שוין גיקאָנט פירען דיא גרעסטע גישעפטען דער פאָטער האָט איהם שוין אַ פּאָר מאָל מיט גיגומען קיין לייפּסיג נאָך סחורה.

ויהי היום האָט זיך גימאַכט אַז רבי שמואל איז גיקומען קיין לייפּסיג מיט דעם קינד אַזוי איז דאָס קינד זייער גיפעלין דעם סוחר וואָס רבי שמואל האָט מיט איהם גיהאַנדעלט. אַזוי האָט דער סוחר גיזאָגט צו רבי שמואלין אַז ער האָט איין בת יחידה אונ ער וויל מיט איהם איין שידוך טאָן אַזוי האָבען זייא באַלד גימאַכט תנאים אונ רבי שמואל האָט גילאָזט דער כלה זייער אַ שיינע מתנה אונ יענער מחותן האָט דעם חתן אויך גיגעבין זייער אַ פיינע מתנה. אין איין צייט אַרום האָט מען גימאַכט זייער אַ פריילאַכע חתונה נאָך דר חתונה האָבען זיך דיא קינדער גימאַכט איין האַנדלס גישעפט אונ עס איז זייא זייער גיגאַנגען מיט גרוס הצלחה. אונ רבי שמואל מיט זיין ווייב שרעלע דיא צנועה האָבען זיך זייער גיפרייט אונ פיל נחת גיהאַט פון דעם פּאָר פּאָלק זייא האָבען זוכה גיוועזן צו זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה עס איז גיוועזן תורה וגדולה במקום אחד כן יזכנו השם יתברך זאָל אונז השם יתברך אויך העלפען מיר זאָלין האָבען קינדער אונ קינדס קינדער אונ זאָל אונז שיקען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

אַצונד זעה מיין ליבער פריינד וויא גרויס איז דער כח פון צדקה. דער פּאָר וואָס אונזער שרעלע רבי שמואלס ווייב איז גיוועזען אַ צנועה אונ אַ גרויסע בעל צדקה גיגעבין האָט זייא זוכה גיוועזן צו האָבין אַזון חשוּבע עס איז נגזר גיוואָרען זייא זאָל קיין קינדער ניט האָבען אונ האָט גיהאַט גרוס עשירות.

ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה.